פרשת
וישב
תשפ"ה
גליון קכ"ג
שנה ד'

# פון פלאָצקער גאון

הגאון רבי ארי' לייב צינץ ז"ע

אויף אידיש

געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

## די שבטים האבן דן געווען יוסף "על שם העתיד" וואס דאס איז מעורר א זכות פאר קריעת ים סוף

**ויראו אחיו כי אותו אהב אביהם מכל אחיו וישנאו אותו...** (לז, ד)

דער מדרש זאגט (ב"ר פד, ח): **פארוואס** האבן די ברידער אים פיינט געהאט? כדי דער ים זאל זיך שפּאַלטן פאר זיי.

קען מען מסביר זיין דעם שייכות, לויט ווי דער מדרש זאגט (ב"ר פד, יד) אז די סיבה פארוואס די שבטים האבן געוואלט הרג'ענען יוסף איז געווען ווייל זיי האבן געזען אז פון אים גייט ארויסקומען ירבעם בן נבט וואס גייט מחטיא זיין כלל ישראל, דערפאר האבן זיי אים געוואלט יעצט דן זיין "על שם העתיד".

יעצט ביי קריעת ים סוף שטייט (שמות יד, כט): "**והמים להם חומה מימינם ומשמאלם**" - זאגט דער מדרש (ילקו"ש רמז רלד), אז אין וועלכער זכות איז דער ים געשפאלטן געווארן? "מימינם" - בזכות מצות מזוזה **רעכטס** פונעם טיר, "ומשמאלם" און בזכות מצות תפילין על יד שמאל. פרעגט זיך א קשיא, וויאזוי האט זיך דער ים געשפאלטן בזכות די מצוות, ביי קריעת ים סוף האבן דאך די אידן נאכנישט געהאט די מצוות? אלא מאי זעט מען, אז מ'האט זיי שוין דן געווען על שם העתיד.

דאס איז דער שייכות אינעם מדרש, אז פארוואס האבן די ברידער פיינט געהאט יוסף? ווייל זיי האבן אים דן געווען אויף ירבעם "על שם העתיד", איז ממילא אויב אזוי איז דאס אליינס מעורר א זכות פאר "קריעת ים סוף", ווייל אויב אויף שלעכטס קוקט מען על שם העתיד איז דאך מידה טובה מרובה, אז אויף גוטס דארף מען אודאי קוקן על שם העתיד, ממילא איז דאס די סיבה "אז דער ים זאל זיך שפאלטן פאר זיי" צוליב די מצוות **וואס זיי גייען** מקיים זיין.

מיט דעם ווערט פארענטפערט נאך א קשיא: ווייל ווייטער שטייט (פסוקים כה-כז) "**וישאו עיניהם ויראו והנה אורחת ישמעאלים באה מגלעד וגמליהם נושאים נכאת וצרי ולוט... ויאמר יהודה אל אחיו מה בצע כי נהרוג את אחינו... לכו ונמכרנו לישמעאלים**". דארף מען לכאורה פארשטיין, וואס איז געשען פונקט ווען די ישמעאלים זענען דארט אריבער, אז יהודה איז מיטאמאל נתעורר געווארן נישט צו הרג'ענען יוסף? קודם האט ער יא געוואלט הרג'ענען און פונקט דעמאלטס שוין נישט?!

בפשטות קען מען זאגן, ווייל דער דרך הצדיקים איז זיך מתבונן צו זיין אין יעדע זאך וואס זיי זעען אז דאס איז בהשגחה פרטית פונעם אויבערשטן. און ווען יהודה האט באמערקט ווי זיי טראגן פיינע בשמים - נישט ווי זייער שטייגער וואס זיי טראגן געווענליך נאפט וואס האט א שווערע גערוך - האט ער גלייך אריינגעטראכט אז מסתמא האט עס דער אויבערשטער דייקא געטון ווייל זיי דארפן יעצט אראפנעמען יוסף קיין מצרים.

אבער לפי דברינו קען מען זאגן, אז ווי נאר די "ישמעאלים" זענען אריבער, איז יהודה נתעורר געווארן צו טראכטן אז זייער מהלך איז נישט ריכטיג. ווייל ביי ישמעאל שטייט דאך (לעיל כא, יז) "כי שמע אלקים אל קול הנער באשר הוא שם", זאגט דארט רש"י, אז די מלאכים האבן מקטרג געווען אויף ישמעאל אז זיינע קינדער גייען דאך הרג'ענען אידישע קינדער אין דאָרשט, קומט זיך אים דען וואסער צו טרונקען?! האט דער אויבערשטער געזאגט: איך קוק אים אָן "באשר הוא שם" - וויאזוי ער איז יעצט.

זעט מען דאך אויב אזוי פון די "ישמעאלים" אז מען איז נישט דן על שם העתיד, ממילא האט טאקע יהודה פונקט דעמאלטס אריינגעטראכט אז זיי טארן נישט הרג'ענען יוסף "על שם העתיד"! וועגן דעם האט ער געזאגט: "**לכו ונמכרנו לישמעאלים**", לאמיר אים נאר פארקויפן פאר א קנעכט, מידה כנגד מידה פאר'ן מוציא דיבה זיין אז מיר רופן אָן די בני השפחות **עבדים**, אבער אים הרג'ענען "על שם העתיד" טארן מיר נישט, פונקט ווי ישמעאל האט דער אויבערשטער נאר דן געווען "באשר הוא שם".

## אויפן צווייטן חלום האבן די ברידער נישט געקענט זאגן אז דאס איז וועגן זיינע הרהורי הלב

**ויאמרו לו אחיו המלוך תמלוך עלינו אם משול תמשול בנו. (לז, ח)**

ביים ערשטן חלום שטייט אז די ברידער האבן רעאגירט: "**המלוך תמלוך עלינו אם משול תמשול בנו**"? דאקעגן ביים צווייטן חלום שטייט נישט אז די ברידער האבן עפעס רעאגירט, נאר בלויז "ויקנאו בו אחיו". פארוואס טאקע האבן זיי נישט מגיב געווען אויפן צווייטן חלום?

נאר חז"ל זאגן (ברכות נה:) אז א מענטש חלומ'ט דאס וואס ער טראכט בייטאג. איז מילא אויפן ערשטן חלום - וואס האט זיך נאר געהאנדלט וועגן **די ברידער** - האבן זיי געקענט זאגן; זיכער האט ער דאס גע'חלומ'ט ווייל דאס טראכט ער בייטאג. וועגן דעם האבן זיי אים פארגעהאלטן: "**המלוך תמלוך עלינו**"?! ווייל פון דיין חלום פארשטייען מיר אז **דו טראכסט מחשבות** צו קעניגן אויף אונז.

אבער די צווייטע חלום האט זיך דאך גערעדט פון די זון און די לבנה וואס דאס ווייזט אויף די **טאטע מאמע**, איז דא האבן זיי נישט געהאט קיין הו"א אז יוסף טראכט בייטאג צו קעניגן אויף זיין טאטע מאמע, אלא מאי איז דאך דער חלום זיכער נישט געקומען וועגן זיינע **הרהורי הלב**. ממילא האבן זיי אים נישט געקענט פאָרהאלטן אז ער איז שולדיג **פארוואס** ער האט דאס גע'חלומ'ט. וועגן דעם איז נאר "**ויקנאו בו אחיו**" אויפן עצם חלום, אבער זיי האבן אים נישט באשולדיגט פאר'ן דאס חלומ'ען.

## אויב זיי וועלן הרג'ענען יוסף וועט מעגליך יעקב געוואר ווערן ווייל יענער וועט זיין פסול לעבודה

**ויאמר יהודה אל אחיו מה בצע כי נהרוג את אחינו וכסינו את דמו.** (לז, כו)

פשוט פשט איז שווער צו פארשטיין "**מה בצע כי נהרוג את אחינו**", ווייל לו יְצוּיַר זיי האבן ווען יא עפעס א געלט ריווח פון דעם, וואלט דען יהודה יא ערלויבט צו פארגיסן יוסף'ס בלוט?!

# די הייליגע צוואה

## ומי שישתדל בהדפסתן
## יהי' לו המחבר למליץ
## אם יהי' לו זכות




**איר קענט שיקן קוויטלעך צום ציון הק' להפקד בדבר ישועה ורחמים**

פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת

**הגליון נתנדב ע"י**

הרבני הנכבד
הר"ר **נפתלי צבי ווייס** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

זכות הפצת תורת רבינו זי"ע
יעמוד בעדו שיזכה לגדלה לתורה
לחופה ולמעשים טובים

נאר עס ווערט געברענגט, אז די "כתונת פסים" וואס יעקב האט געמאכט איז געווען ווי "בגדי כהונה" וויבאלד ער האט געהאלטן יוסף פאר זיין בכור וואס דארף טון די עבודה. איז אויב אזוי, ווען יעקב וועט הערן אז יוסף איז גע'הרג'עט געווארן, וועט ער דאך דארפן אויפנעמען א צווייטן זון פאר די עבודה, און דער דין איז (ברכות לב:) אז "כהן שהרג את הנפש לא ישא את כפיו", איז דאך כל שכן אז ער איז פסול צו טון די עבודה, (עיין זוהר פר' פנחס ריד. כל כהן דקטיל נפש פסיל ליה כהונתיה לעלמין). איז ווער עס וועט הרג'ענען יוסף וועט דאך ווערן פסול לעבודה.

איז אויב אזוי, האט יהודה געזאגט, דארפן אלע אנדערע בכורים זיכער חושש זיין אז יעקב וועט וועלן נעמען איינעם פון זיי צו טון די עבודה, און אפילו נישט די בכורים דארפן אויך חושש זיין, אז אפשר וועט יעקב האלטן איינעם פון די אנדערע קינדער פאר פאסיג צו די עבודה מער ווי א בכור. איז אויב גייט ער פונקט אויסוועלן דער וואס האט געהרג'עט יוסף, וועט ער דאך מוזן מודה זיין אז ער איז נישט כשר לעבודה, וועט דאך יעקב געוואר ווערן אז די שבטים האבן אים געהרג'עט און ער איז נישט פארצוקט געווארן דורך א חיה.

דאס איז טאקע געווען יהודה'ס טענה, אז אפילו מיר האלטן טאקע אז יוסף איז מן הדין מחוייב מיתה, איז דאך לכאורה א תועלת אז אונז זאלן אים הרג'ענען, אבער אויב יעקב וועט געוואר ווערן פון דעם וועט דאך זיכער נישט טויגן. איז **"מה בצע כי נהרוג את אחינו"** וואס לוינט זיך צו הרג'ענען יוסף, אויב **"וכסינו את דמו"** - בלשון תמיהה - וועלן מיר דאס קענען בכלל באהאלטן פונעם טאטן?! מיר האבן נישט קיין וועג צו זיין פארזיכערט אז יעקב וועט נישט יענעם פונקט וועלן מאכן פאר א כהן און אזוי וועט ער געוואר ווערן, איז אויב אזוי נישט כדאי איינצושטעלן און אים הרג'ענען.

### יוסף האט נישט מסכים געווען זיך צו פארקויפן פאר א קנעכט נאר געצווינגענערהייט

**כי אם זכרתני אתך... והזכרתני אל פרעה והוצאתני מן הבית הזה. כי גונב גונבתי מארץ העברים וגם פה לא עשיתי מאומה כי שמו אותי בבור.** (מ, יד-טו)

לכאורה נאך וואס יוסף זאגט שוין **"והוצאתני מן הבית הזה"**, און ער זאגט שוין אויך די טעם פארוואס, **"כי גונב גונבתי"** ווייל ער איז גע'גנב'עט געווארן, **"וגם פה לא עשיתי מאומה"** און אויך דא אין מצרים האט ער גארנישט שלעכטס געטון, פעלט דאך שוין נישט אויס צוצולייגן **"כי שמו אותי בבור"**? אלא מאי איז משמע, אז "כי" **שמו אותי בבור** איז א המשך פונעם "נתינת טעם", דהיינו, פרעה דארף מיר באפרייען "ווייל" מ'האט מיר געלייגט אינעם בור. דאָרף מען דאך פארשטיין, וואס איז די נתינת טעם?

נאר די גמרא זאגט (ב"ב מז:) אז אויב מ'צווינגט א מענטש צו "פארקויפן" א זאך און אויב נישט הרג'עט מען אים איז דער מקח א מקח, ווייל מחמת אונס זאג איך "גמיר ומקנה" אז ער איז מסכים צום מקח. אבער דאס איז נאר אויב ער באקומט געלט פאר דעם, משא"כ אז מ'צווינגט אים צו געבן א זאך במתנה און ער באקומט גארנישט פאר דעם, זאג איך נישט אז מחמת אונס "גמיר ומקנה".

איז דאך אויב אזוי דא, אז די ברידער האבן פארקויפט יוסף צו זיין אן עבד פאר די ישמעאלים געצווינגענערהייט, און יוסף אליין האט נישט באקומען דאס געלט נאר זיינע ברידער, זאג איך נישט אז ער האט מסכים געווען צום מקח. ממילא איז די גאנצע מקח נישט קיין מקח, און יוסף איז נישט געווארן קיין עבד.

למעשה אבער האבן דאך די ברידער ארויסגעשלעפט יוסף פונעם בור און אים געראטעוועט פון די נחשים ועקרבים דארט בתנאי אז ער פארקויפט זיך פאר די ישמעאלים, וואלט עס דאך לכאורה געדארפט הייסן א מקח אפילו עס איז געצווינגענערהייט, ווייל פאר **די הנאה** אז זיי האבן אים מציל געווען פון טויט זאג איך יא "גמיר ומקנה"?

אבער די טענה איז נישט קיין טענה, ווייל בשלמא אויב יוסף וואלט ווען אליין אריינגעפאלן אין גרוב, וואלט איך ווען טאקע געזאגט אז פאר די הנאה געראטעוועט צו ווערן פון טויט איז ער "גמיר ומקנה". אבער דא אז **די ברידער אליין** האבן אים אריינגעלייגט אינעם מקום סכנה, זענען זיי דאך מחויב אים צו ראטעווען, און אז זיי האבן אים געראטעוועט הייסט דאס נישט קיין "הנאה" אז ער זאל מסכים זיין זיך צו פארקויפן, ווייל זיי האבן דאך נאר אוועקגענומען די סכנה אין וואס "זיי" האבן אים אריינגעלייגט, און אין אזא פאל זאגט מען נישט אז ער איז מסכים צום מקח.

וועגן דעם האט יוסף געזאגט פאר'ן שר המשקים: **"והזכרתני אל פרעה והוצאתני מן הבית הזה"** זאג פאר פרעה אז ער זאל מיר באפרייען פון תפיסה, אז איך זאל בכלל נישט זיין קיין עבד. פארוואס? **"כי גונב גונבתי מארץ העברים"** ווייל לכתחילה איז נישט געווען דא קיין שום מקח אז איך זאל דארפן ווערן אן עבד - נאר א פשוטע גניבה, **"וגם פה לא עשיתי מאומה"** און דא האב איך אויך גארנישט געזינדיגט אז איך זאל דארפן זיין אין תפיסה.

איי וועסטו זאגן אז סוף כל סוף האב איך יא מסכים געווען זיך צו פארקויפן פאר אן עבד, ווייל מ'האט דאך מיר געראטעוועט פונעם גרוב וואס איז פול מיט נחשים ועקרבים, און פאר דעם הנאה איז דאך יא "גמיר ומקנה"? וועל איך דיר ענטפערן, ס'הייבט זיך נישט אָן: **"כי" שמו אותי בבור** - "כי" איז א "נתינת טעם"; **"ווייל" זיי אליינס** האבן דאך מיר געלייגט אינעם "בור", האבן זיי דאך געמוזט מיך ראטעווען, און פאר די הנאה איז נישט "גמיר ומקנה", ממילא איז לכתחילה געווען דא סתם א גניבה ווייל איך האב קיינמאל נישט מסכים געווען צום מקח.

**מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.**
gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868